# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת האזינו תשפ"ד שנה י | גליון מס' 501



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן

ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### אין הימל הערט מען א תפלה פון איינער וואס דאווענט אויפן קול

"הַאֲזִינוּ הַשָּׁמַיִם וַאֲדַבֵּרָה וְתִשְׁמַע הָאָרֶץ אִמְרֵי פִי" (לב א)

האדמו"ר **רבי יחיאל יהושע מביאלא** זאגט:

אין דער פסוק איז מרומז אז אין שכר פון זאגן די ברכות הויעך אויפן קול איז דער מענטש זוכה אז זיין תפילה זאל ווערן אנגענומען; "הַאֲזִינוּ הַשָּׁמַיִם" צו מיין תפילה, ווייל "וְתִשְׁמַע הָאָרֶץ אִמְרֵי פִי" - אויף דער ערד הערט מען זיך צו צו די ברכות וואס איך זאג מיט מיין מויל. ווייל אויסער וואס מיר ווייסן אז קול מעורר הכוונה, מיטן זאגן די ברכות אויפן קול איז דער מברך מזכה די צוהערהער מיט ענטפערן אמן. אויך די ראשי תיבות: "וְתִשְׁמַע הָאָרֶץ אִמְרֵי פִי", וואס זענען גימטריה צוויי און ניינציג, אזוי ווי די גימטריה פון "אמן" מיטן כולל, איז א רמז אויף דעם.

'חלקת יהושע'

### אמונה איז פארבינדן מיט ענטפערן אמן

"וַיֹּאמֶר אַסְתִּירָה פָנַי מֵהֶם אֶרְאֶה מָה אַחֲרִיתָם כִּי דוֹר תַּהְפֻּכֹת הֵמָּה בָּנִים לֹא אֵמֻן בָּם"; הֵם קִנְאוּנִי בְלֹא אֵל כִּעֲסוּנִי בְּהַבְלֵיהֶם" (לב כ-כא).

אויף דער פסוק וואס משה רבינו ערקלערט די סיבה פארוואס הקב"ה וועט זיך באהאלטן פון זיין פאלק, א זאך וואס וועט צוברענגען די חורבן בית המקדש און די גלות, דרש'ענען חז"ל (ספרי האזינו פיסקא שכ): "אל תהי קורא 'לא אמון בם' אלא: 'לא אמן בם' - שלא היו רוצים לענות אמן אחר הנביאים, בשעה שהיו מברכים אותם".

**רבי אליהו הכהן מאיזמיר** טייטש אז אויך דער קומענדיגער פסוק ערקלערט די גרויסע עבירה וואס איז פארבינדן מיטן זיך פארמיידן פון ענטפערן אמן: מיט דעם וואס זיי "כִּעֲסוּנִי בְּהַבְלֵיהֶם" - זיי האבן נישט געענטפערט אמן מיט זייער 'הבל פיהם', "הֵם קִנְאוּנִי בְלֹא אֵל" ווערט עס גערעכנט כאילו זיי האבן אין מיר כופר געווען. ווייל אמן איז גימטריה די צוויי הייליגע שמות - הוי"ה און אדנ"י, און דורכ'ן ענטפערן זענען מיר מייחד די צוויי שמות, דערפאר נישט ענטפערן ווערט גערעכנט ווי כפירה.

'מנחת אליהו' פרק לב

### ענטפערן אמן איז א תנאי אויף תחיית המתים

"רְאוּ עַתָּה כִּי אֲנִי אֲנִי הוּא וְאֵין אֱלֹהִים עִמָּדִי אֲנִי אָמִית וַאֲחַיֶּה מָחַצְתִּי וַאֲנִי אֶרְפָּא וְאֵין מִיָּדִי מַצִּיל" (לב לט)

די צווייטע אותיות פון די ווערטער "אֲנִי אָמִית וַאֲחַיֶּה" זענען 'אמן'. רבי יוסף ג"ג פון די חכמי תוניס לערנט פון דא א רמז אויף דאס וואס עס שטייט אין זוהר הק' (וילך רפו א) אז דער וואס איז נישט געווארנט ענטפערן אמן וועט נישט אויפשטיין ביי תחיית המתים.

הגש"פ 'פי המדבר' נשמת ד"ה מחיה מתים

### בדרך הטבע טוהט אויף תפילה

"וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה בְּעֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה לֵאמֹר; עֲלֵה אֶל הַר הָעֲבָרִים הַזֶּה הַר נְבוֹ אֲשֶׁר בְּאֶרֶץ מוֹאָב אֲשֶׁר עַל פְּנֵי יְרֵחוֹ" (לב מח-מט)

רש"י (ע"פ ספרי שלז) טייטש, ווייל די אידן האבן געזאגט: "אדם שהוציאנו ממצרים וקרע לנו את הים והוריד לנו את המן והגיז לנו את השליו והעלה לנו את הבאר ונתן לנו את התורה, אין אנו מניחים אותו [למות]", דערפאר האט דער אויבערשטער באפוילן פאר משה "עלה אל הר העברים" "בעצם היום הזה" - אינמיטן טאג אקעגן אלעמען, און מיט דעם האט ער געוויזן פאר די אידן אז זיי האבן נישט די מעגליכקייט צו טוישן די גזירה פונעם באשעפער.

דער וואס וועט זיך מתבונן זיין וועט זיך וואונדערן, וואס האבן דען די אידן געקענט טוהן אפהאלטן משה רבינו'ס אוועקגיין, אז דער אויבערשטער האט זיי געדארפט ווייזן אז זיי האבן נישט קיין כח צו טוישן די גזירת הבורא, האבן דען זיי געהאט די מעגליכקייט אים אריינגעבן א רוח חיים?

ערקלערט דער 'חידושי הרי"מ':

די אידן האבן זיך פארלאזט אויף די כח התפילה. זיי זענען געווען פארזיכערט אז אויב זיי וועלן זיך שטארקן און פארמערן צו דאווענען, וועט הקב"ה צוהערן די תפילות און מבטל זיין די גזירה וואס איז נגזר געווארן אויף משה, דערפאר האט דער אויבערשטער געמוזט זיי ווייזן אז די גזירה וועט נישט בטל ווערן, אויך אויב די גאנצע אידישע פאלק וועט דאווענען אויף דעם.

**רבי חיים שמואלעוויץ** נעמט ארויס פון דא א שארפן דערהער, פון דעם וואס עס ווערט ערקלערט אין פסוק אז דער אויבערשטער האט געוויזן זיין שטארקייט מיט'ן זאגן אז די תפילה פון די אידן וועט נישט העלפן, איז א באוויז אז געווענליך האט דאווענען א נאטורליכן כח צו מבטל זיין שלעכטע גזירות, אזוי ווייט אז דער אויבערשטער האט געדארפט ווייזן זיין כח קעגן די טבע אז ער האט נישט אנגענומען די תפילה.

'שיח שרפי קודש' ח"א אות תצג; 'משלחן רבי אליהו ברוך'

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### האזינו און וזאת הברכה

אנהויב שירת האזינו (לב ג) זאגט משה רבינו פאר די אידן: "כי שם ה' אקרא הבו גודל לאלקינו", און די חכמים ערקלערן זיינע ווערטער: "ווען איך דערמאן דער נאמען פון הקב"ה ביי א ברכה - זאלט איר אים אפגעבן כבוד דורך ענטפערן אמן" (יומא לז א, ע"פ רש"י ברכות כא א ד"ה כי שם).

איך האב געטראכט צולייגן, דער נאמען פון די פרשה "האזינו" איז אויך מרמז אויף די חיוב פון ענטפערן אמן, ווי די פסוק באפעלט: "האזינו" צו יעדע ברכה און ענטפערט נאכדעם אמן ווי עס דארף צו זיין. אויך די סמיכות פון די צוויי פרשיות "האזינו וזאת הברכה" קען מען טייטשן אויף דעם וועג; ווען איר וועט הערן א ברכה און ענטפערן אמן, וועט די ברכה זיין "וזאת הברכה" - מיט א ה"א הידיעה, אזוי ווי עס שטייט אין זוהר (עקב רעא א) אז נאר א ברכה וואס מען האט געענטפערט אויף איר אמן איז א מושלם'דיגע ברכה.

נאך קען מען צולייגן און טייטשן, אז די סמיכות פון די פרשיות "האזינו וזאת הברכה" איז מרמז אז דער וואס שאקלט זיך אפ פון זיין געוואוינהייט און הערט צו מיט אויפמערקזאמקייט צו אלע ברכות וואס ווערן געזאגט ארום אים, וועט זוכה זיין צו "זאת הברכה" - "הברכה" - מיט א ה"א הידיעה, דאס איז דאך די ברכה וואס מיר קוקן ארויס צו דעם אין די טעג און אין יעדע צייט, א "שנה טובה ומתוקה". ווייל אלע ווייסן די פיל הבטחות און באזונדערע סגולות וואס זענען צוגעזאגט געווארן פאר די וואס זענען מקפיד אויף די מצוה פון ענטפערן אמן.

דער מדרש זאגט (שהש"ר ה ב): "אמר הקב"ה לישראל: 'בניי, פתחו לי פתח אחד... כחודה של מחט ואני פותח לכם פתח שיהיו עגלות וקרוניות נכנסות בו'". איך האב אמאל געהערט אז דער מדרש גייט ארויף אויף די טויערן פון ברכה וואס ווערן אפן אין זכות פון ענטפערן אמן; דער אויבערשטער בעהט פון אונז א קליינע און גרינגע זאך - "כחודה של מחט" - מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין, און אנשטאט דעם עפענט ער פאר אונז אין הימל ריזיגע טויערן פון ברכה און טובה וואס עס איז נישטא קיין סוף צו זייער ווערד.

אמן איז צוגעגלעכנט צו א אונטערשריפט אויף א טשעק. אזוי ווי די אונטערשריפט מאכט גילטיג דעם טשעק, אזוי אויך ענטפערן אמן מאכט גילטיג און געבט א עקזיסטענץ פאר די ברכה. מיר וועלן זיך אונטערנעמען חתמ'ענען יעדע ברכה מיט ענטפערן אמן, און אין דעם זכות וועט דער אויבערשטער צוהערן אונזער געשריי ביי תפילת נעילה: "אבינו מלכינו חתמינו לחיים טובים", אמן ואמן.

**א גמר חתימה טובה**
**א גוט שבת**

יעקב דוב מארמארשטיין

# אברהם אבינו אז משלים צום מנין

אין די עיר האבות, די הייליגע שטאט חברון, עקזיסטירט ביזן היינטיגן טאג - א גרויסע און היסטארישע שוהל וואס ווערט אנגערופן 'בית הכנסת אברהם אבינו'. דער שוהל איז געבויט געווארן מיט איבער פינף הונדערט יאר צוריק דורך די ערשטע איינוואוינער אין חברון וואס זענען פארטריבן געווארן פון שפאניע, אין שפיץ פון זייער רבי און מנהיג רבי מלכיאל אשכנזי. אין די אומרוען פון די תרפ"ט יארן איז דער בית-מדרש חרוב געווארן, און די פארשאלטענע אראבער פון חברון האבן צווישן אירע חורבות געבויעט א שטאל פון ציגן און האבן אלעס געטוהן איר צו פארשוועכן.

צענדליגער יארן איז דער הייליגער שוהל געשטאנען פאר'חרוב'ט, ביז עס איז אנטדעקט געווארן מיט בערך פופציג יאר צוריק. מיטן באנייען דעם אידישן ישוב אין חברון האבן די איינוואוינער עס איבערגעבויעט.

דער שוהל האט זוכה געווען צו זיין ספעציעלן נאמען צוליב א הימלישע און וואונדערליכע געשיכטע וואס איז דארטן פארגעקומען יום כיפור, א מעשה וואס איז באקאנט געווארן דורכ'ן מקובל רבי' נפתלי הירץ בכרך, א תלמיד פון דעם מקובל האלקי מהר"י סרוג - פון די תלמידים פון אר"י הקדוש, אין זיין ספר 'עמק המלך'.



דער שוהל 'אברהם אבינו' אין חברון

די מעשה איז פארגעקומען אין די צייט וואס דער אידישער ישוב אין חברון האט אנגעהויבן זיך באנייען, אין אנהויב פון די הערשאפט פון דער אטאמאנישער אימפעריע אין ארץ ישראל. דער אידישער ישוב אין חברון וואס האט זיך אפגעשטעלט פאר עטליכע יאר, נאך די מארד וואס איז פארגעקומען אין חברון ביי די אונטערגאנג פון די 'ממלוכ'ס' הערשאפט אין ארץ הקודש, דורך זעלנער פון דער אטאמאנישער אימפעריע, א מארד וואס נאכדעם האבן זיך צושפרייט די רעשט פון די אלטע אידישע געמיינדע אין אלע עקן פון די לאנד.

ארום צוואנציג יאר נאך די מארד האבן זיך אנגעהויבן באזעצן אין חברון אביסל ערליכע און דערהויבענע אידן. וויבאלד אין אנהויב פון די נייע ישוב איז דארט נישט געווען קיין מנין, פלעגט מען יעדן ערב שבת און יו"ט רופן עטליכע אידן פון די נאנטע דערפער זאלן קומען קיין חברון אויף שבת און יו"ט, צו משלים זיין א מנין פאר די אידן וואס האבן זיך דארט באזעצט.

דאס איז געווען אין איינע פון די ערשטע יארן פונעם נייעם ישוב. ערב יום כיפור האבן זיך פארזאמלט אין שוהל ניין ארטיגע ערליכע אידן און געווארט מיט א אנגעצויגנקייט אויף די דארפישע אידן וואס האבן פארשפעטיגט צו קומען. אזוי ווי געווענליך פאר שבת און יו"ט זענען פון פריער איינגעלאדנט געווארן עטליכע אידן איינוואוינער פון די ארומיגע דערפער צו משלים זיין דער מנין, אבער דאס מאל, צוליב אן אומבאקאנטער סיבה, האבן זיי זיך פארזוימט פון קומען, עס זעהט אויס אז זיי האבן ענדערש געוואלט דאווענען אין ירושלים עיר הקודש.

די זון האט זיך גענייגט צו די מערב זייט און פון די אויגן פון די חברונ'ער צדיקים האבן אנגעהויבן רינען טרערן וועלכע האבן זיך באלד פארוואנדלט אויף א שטורמישער געוויין. די צדיקים זענען דערשראקן אויף די געדאנק אז זיי וועלן געצווינגען זיין צו דאווענען די תפילות פון יום הקודש אן מנין, און האבן געדאווענט מיטן גאנצן הארץ פאר השי"ת ער זאל זיי שיקן א ישועה פון הימל.

א קורצע צייט איידער די שקיעה, ווען זיי ווארטן אויף א ישועה האבן די מתפללים אויפגעהויבן די אויגן און מיטאמאל האבן זיי באמערקט א געשטאלט וואס דערנענטערט זיך. אין די עק פון די געסל האט זיך באוויזן א שיינער געשטאלט וואס איז געגאנגען גלעקסן צו די ריכטונג פון שוהל.

די טיר פון שוהל האט זיך געעפנט, און אן עלטערער אומבאקאנטער איד איז אריינגעקומען, ער האט געהאט זייער א שיינער צורה און זיין אויסזעהן איז געווען פארכטיג. דער מענטש איז אריין שטייט אין שוהל און האט באגריסט די מתפללים מיט א שטראלנדיגן פנים, איינער האט אים אנגעטראגן עפעס צו עסן אויף א 'סעודה המפסקת', אבער דער מענטש האט זיך באדאנקט און גע'טענה'ט אז ער האט שוין געגעסן, און לכבוד דעם איז דער חזן גלייך געגאנגען צו זאגן 'כל נדרי'.

דורכאויס דעם גאנצן טאג איז דער אלטער איד נישט ארויס פון שוהל, ער האט געדאוונט מיט די מתפללים אלע תפילות פונעם הייליגן טאג מיט א ספעציעלע התעוררות, ביזן ענדיגן נעילה און די חתימה פון דעם הייליגן טאג.

די מתפללים וואס האבן געפילט אז א גרויסער מענטש דאוונט מיט זיי, האבן געדאוונט מיט מער כוונה, און האבן רעספעקטירט דעם מענטש אויף אלע אופנים וואס זיי האבן געקענט. מוצאי יום הקודש, נאך הבדלה, האבן די מתפללים אנגעהויבן זיך טענה'ן ווער ווער וועט האבן דעם כבוד אריינצונעמען דעם גרויסן גאסט אויף זיין טיש צו די סעודה פון מוצאי יום הקודש, אזוי ווי מען פירט זיך אין אלע אידישע קהילות לזכר די סעודה וואס דער כהן הגדול פלעגט מאכן מוצאי יום כיפור פאר זיינע נאנטע און פאר כלל ישראל נאכן ארויסגיין פון בית קודש הקדשים אומגעשעדיגט. (ראה משנה יומא פ"ז מ"ד).

וויבאלד יעדער האט געוואלט זוכה זיין אין די גרויסע זכי', האבן די מתפללים געווארפן א גורל צווישן זיך ווער עס וועט געווינען, און ווען דער גורל איז געפאלן אויפן חזן, האבן אלע מסכים געווען אז עס קומט אים. דער חזן איז געווען באקאנט אלס א הייליגער מענטש וואס איז זיכער געווען פאסיג אויף דעם גרויסן כבוד.

דער חזן איז ארויס פון בית כנסת פריילין און צופרידן ווען זיין גרויסער גאסט באגלייט אים מיט א שטילקייט, די צוויי זענען געגאנגען צוזאמען א שטיקל וועג, אבער ווען זיי זענען אנגעקומען צום חזן'ס הויז, האט ער געוואלט מכבד זיין דעם גאסט מיט'ן אריינגיין אין שטוב דער ערשטער, אבער ער איז איבערראשט געווארן צו זעהן אז ער גייט אליין, דערנאך וואס זיין גרויסער גאסט איז פארשוואונדן און איז נישטא.

דער חזן האט זיך געאיילט זוכן זיין פארהוילענעם גאסט, ער האט אים געזוכט אין הויף און אין די אומגעגנט אבער ער האט אים נישט געטראפן, ער איז ארויס צו דעם שטילן גאס אבער דער מענטש איז פארשוואונדן געווארן און איז נישטא. נישט א לאנגע צייט איז עס געבליבן א מיסטעריע, ווייל נאך אין דעם זעלבן נאכט, ווען דער חזן איז געשלאפן, האט זיך דער אלטער צו אים באוויזן אין חלום און אנטפלעקט אז ער איז נישט קיין אנדערער ווי אברהם אבינו עליו השלום, זיך זארגנדיג פאר זיינע קינדער, די ערליכע אידן פון חברון, וואס האבן זיך געפונען אין א צער זיי זאלן נישט דאווענען ביחידות, האט ער געבעטן רשות פון הימל אראפקומען משלים זיין די מנין.

דאס איז געווען א אויסטערלישער וואונדער און א גרויסער חיזוק פאר די קהילה אין חברון, וואס לויט די ווערטער פון דער עמק המלך, "האבן זיי זיך געפריידט א גרויסע שמחה און געדאנקט דעם גרויסן באשעפער אויף דעם וואס ער האט געטוהן גאר א וואונדערליכער זאך".

'עמק המלך' [פון רנ"ה בכרך, אמסטרדאם ת"ח] הקדמה ג פרק י'

# אמן אין די רונד פון די יאר



## 'תשובה גדולה' אויף נישט ענטפערן אמן

איינע פון די שטערונגען וואס שטייט אקעגן דער וואס וויל תשובה טוהן איז זיין נאטירליכע פאקוס אין זיינע זינד וואס זעהן אים אויס ווי חשובע, בשעת ער איגנארירט פון אזעלעכע זינד וואס זעהן אים אויס ווי אומבאדייטנד (זעה אין רמב"ם תשובה ד ד). א ביישפיל פון דעם איז דער זינד פון גרינגשעצן אין די מצוה פון ענטפערן אמן, וואס ביי פיל מענטשן ווערט עס באטראכט ווי א קליינע זינד, רבי מאיר הכהן פאפירש שרייבט אז דוקא אויף דער זינד דארף מען מאכן א "תשובה גדולה", און דאס זענען זיינע ווערטער:

"עס פעהלט אויס א 'תשובה גדולה' פאר דער וואס ענטפערט נישט אמן - אפילו אויב ער האט נאר איינמאל נישט געענטפערט - ד.מ. ווען ער האט געהערט א ברכה אפילו אויף א פרוכט, אדער ווען זיין חבר האט געזאגט א ברכה אויף עפעס א מצוה, און אוודאי ביי די הויכע שמו"ע... און ביי די ווידוי 'אשמנו' וואס מען זאגט יעדן טאג זאל ער פארגיסן טרערן אויף די אמן'ס וואס ער האט נישט געענטפערט".

'אור הישר' ז יח-יט

דורשי רשומות ברענגען א רמז אויפן חיוב צו תשובה טוהן אויף די גרינגשעצונג פון ענטפערן אמן, פון דעם וואס די ראשי תיבות פון די ווערטער וואס הייבן אן די ברכה פון תשובה ביי די שמונה עשרה - "סלח לנו **אבינו**" זענען גימטריה 'אמן'.

## אמן עפענט די טויער פון תשובה

חז"ל זאגן (שבת קיט ב): "כל העונה אמן בכל כוחו פותחים לו שערי גן עדן". רבי שלמה קארלינער טייטש אז וועגן דעם כאפן אן די חכמים א לשון הווה - "פותחים", ווייל די "שערי גן עדן" זענען די שערי תשובה, און די חכמים לערנען אונז אז אין שכר פון ענטפערן אמן בכל כוחו עפענט מען פארן מענטש די טויער פון תשובה, "וטועם בעולם הזה תענוג גן עדן ועולם הבא".

דער 'באר משה' פון אזורוב ערקלערט אז דאס איז די כוונה פון די חכמים (זהר חדש ח"ב מג ב) ווען זיי דרש'ענען דעם פסוק (תהלים כז ד): "'לחזות בנועם ה'" - "זו תשובה ועלמא דאתי [און עולם הבא]", ד.מ. אז תשובה ברענגט דעם מענטש זאל לעבן א עולם הבא'דיגע לעבן אויף דער וועלט. דערפאר זאגן אויך די חכמים (אבות ד יז): "יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי העולם הבא", ווייל דורך תשובה און מעשים טובים איז מען זוכה צו די בחינה פון א עולם הבא'דיגע לעבן אין עולם הזה, און די סארט לעבן איז מער פון חיי עולם הבא.

'בית אהרן' בראשית והגש"פ ד"ה 'הא לחמא עניא', לראש השנה ד"ה כתיב וישוב; 'באר משה' עמ' קלה

## אמן – דער וועג צו תשובה טוהן

**רבי שלמה זלמן עהרנרייך** שימלויער רב זאגט:

מיר טרעפן אין גמרא (יומא פו ב) אז די תשובה פון דער מענטש איז בשלימות נאר דערנאך וואס עס וועט זיך פאר אים מאכן נאכאמאל די זינד וואס ער האט געזינדיגט, אויף דעם זעלבן פלאץ און צייט וואס ער האט געזינדיגט, און אויב ער וועט זיך שטארקן און נישט זינדיגן וועט דאס זיין א באווייז אז זיין תשובה איז בשלימות. לויט דעם קען מען זאגן, א מענטש וואס וויל תשובה טוהן, דארף מקיים זיין א מצוה אויף דעם זעלבן וועג וואס ער האט געזינדיגט.

אין ליכט פון דעם קען מען זאגן אז דער וואס טוט א עבירה בפרהסיה מיט א עזות פנים, וועט זיין תקנה זיין אז מדה כנגד מדה וועט ער דאווענען און ענטפערן 'אמן' הויעך אין שוהל, מיט א 'עזות דקדושה'. אן זיך שעמען פון די וואס שפעטן פון אים. אויב וועט ער טוהן אזוי, איז דאס א באווייז אז ער האט ריכטיג תשובה געטוהן.

דאס איז מרומז אין דער פסוק (הושע יד ג): "קחו עמכם דברים ושובו אל ה'"; נעמט מיט אייך - צו די קדושה - די וועג און צוגאנג וויאזוי ענק האבן געזינדיגט, און דורך דעם וועט די תשובה זיין בשלימות.

'דרשות לחם שלמה' לשבת שובה

## תשובה שלימה
## אין זכות פון ענטפערן אמן

דעם פסוק (הושע יד ב): "שובה ישראל עד ה' אלקיך כי כשלת בעונך" טייטש דער בעל 'שומר אמונים': "שובה" איז ראשי תיבות "ברוך הוא וברוך שמו". "ישראל" איז ראשי תיבות: "לענות אמן, יהא שמיה רבה". און דער נביא איז מרמז אז דורך וואס דו וועסט מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן, ברוך הוא וברוך שמו, און יהא שמיה רבה, "וועסטו ממשיך זיין אויף דיר א גרויסער אור וואס דורך דעם וועסטו מיט דיין תשובה דערגרייכן 'עד ה' אלקיך'".

אויף דעם בעהט זיך דער נביא (הושע יד ג): "קחו עמכם דברים ושובו אל ה'". "קחו עמכם" אין אייערע אוצרות "דברים" שבקדושה, דורך דעם וואס איר וועט אכטונג געבן זיי זאגן אויפן קול און מיט כוונה, וועלן זיך עפענען פאר אייך די טויערן פון תשובה "ושובו אל ה'".

דער בעל 'שומר אמונים' לייגט צו און שרייבט אויף דעם הארציגע רייד: "אויב וועט ער זיין געווארנט אין אלע פרטים פון ענטפערן אמן און יהא שמיה רבא וואס ווערט דערמאנט אין דעם מאמר [מאמר 'פתחו שערים' אין ספר 'שומר אמונים'], דעמאלט וועט ער בלי ספק האבן א תיקון הנפש ביתר שאת, מער ווי עטליכע טויזנט תעניות אן קיין צאל, און זיין נפש וועט פארבינדן ווערן אין דעם שורש העליון, און נעמט אראפ די זשאווער און פלעקן פון זיין נפש, רוח און נשמה".

'שומר אמונים' מאמר 'פתחו שערים' פרק יד

## אמן – דער אנהייב פון תשובה

דער ראש ישיבה **רבי אהרן קאטלער** האט געזאגט:

דער אנהייב פון תשובה דארף זיין דווקא ביי די גוטע זאכן וואס מיר טוהן - דורך אכטונג געבן זיי צוטוהן ווי עס דארף צו זיין. דאס איז מעגליך דורך צולייגן אביסל הארץ, און איבערהויפט אויף די זאכן וואס א מענטש טרעט אויף זיי און טוהט גרינגשעצן, כאטש זיי זענען זייער הארב, למשל ענטפערן אמן; וויפיל הלכות זענען געלערנט געווארן אין דעם, און יעדער ווייסט ווי שטארק האבן די חז"ל (ברכות מז א) מחמיר געווען אין די הארבקייט פון ענטפערן אמן נישט ווי עס דארף צו זיין, און פון דעם קען מען פארשטיין ווי ערנסט איז די זינד פון דער וואס ענטפערט אינגאנצן נישט אמן.

'משנת רבי אהרן' מאמרים ח"ב עמ' פ

## ענטפערן אמן וואס האט
## מחזיר בתשובה געווען

דער באקאנטער משפיע, רבי אלי' ראטה, נאמן ביתו פון האדמו"ר רבי שלמה'קע זוועהילער פלעגט אסאך דערמאנען און מעורר זיין פאר זיינע צוהערהער אויף די חשיבות פון זאגן ברכות הנהנין הויעך אויפן קול. אין איינע פון זיינע שמועסן האט ער דערציילט אויף א איד וואס האט תשובה געטוהן צוליב אט די הנהגה:

רבי אלי' האט געהאט א געוואוינהייט אריינגיין יעדן טאג אין דער 'קיאסק' וואס איז געווען נעבן זיין שטוב, טרינקען דארט א גלעזל משקה און זאגן הויעך די ברכה 'שהכל' אז דער פארקויפער וואס איז ווייט געווען פון צו זיין א שומר תורה ומצוות זאל הערן. נאך א שטיק צייט זיך אזוי פירן, האט דער געשעפטסמאן געמאכט פאר זיך א חשבון הנפש: אויב אזא חשובער מענטש קומט דא אריין יעדן טאג און זאגט הויעך א ברכה, איז נישט ריכטיג איך זאל שטיין מיט א הוילן קאפ, און נישט ענטפערן אמן. ער האט זיך פארשאפט א קאפל, און פון דעמאלטס אן, ווען רבי אלי' האט געזאגט די ברכה, האט זיך יענער אנגעטוהן די קאפל, און געענטפערט 'אמן'. די הנהגה האט זייער געווירקט אויף זיין נשמה, און עס איז נישט אדורך אסאך צייט ביז יענער האט אינגאנצן תשובה געטוהן. זעהן מיר, האט רבי אלי' אויסגעפירט, אז דורך זאגן הויעך א ברכה קען מען טוישן פאר א איד זיין גאנצע לעבנ'ס שטייגער און אים דערנענטערן צו ה' יתברך.

'איש חסיד היה' [תולדות רבי אליהו ראטה] עמ' רל

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

לכבוד די רעדאקציע 'וכל מאמינים'.

ענק זאלן געבענטשט ווערן פונעם אויבערשטן אויף ענקערע אקטיוויטעטן צו פארשפרייטן און איינווארצלען די חשיבות פון די מצוה פון ענטפערן אמן.

איך וויל אייך מיטטיילן מיט א גרויסע ישועה וואס מיר האבן זוכה געווען אדאנק אונזער התחזקות אין ענטפערן אמן: דאס איז געווען דערנאך וואס עס זענען אריבער אסאך יארן פון אונזער חתונה און מיר האבן נאכנישט זוכה געווען געהאלפן ווערן מיט זרע של קיימא. אין די יארן האבן מיר אסאך באזוכט ביי די בעסטע דאקטורים און ליידער האבן מיר געהאט פיל אנטוישונגען.

אין איינע פון די שבתים זענען מיר געווען אין בני ברק צוליב א משפחה שמחה. אנטיילנעמען אין שמחות אין אונזער לאגע איז אונז נישט גרינג אנגעקומען, אבער מיר פלעגן טראגן אונזערער ווייטאג אין הארצן, און זיך באטייליגן אין אלע שמחות. די דירה וואו מיר זענען איינגעשטאנען איז געווען נעבן די בית המדרש פון כ"ק אדמו"ר ממאדזשיץ שליט"א, און שבת נאכמיטאג בין איך אריין דארט לערנען. אויפן טיש איז געליגן דער היילגער ספר 'דברי ישראל', און איך האב עס געעפנט אריינצוקוקן דעריין, בהשגחה פרטית האט זיך דער ספר געעפענט אין פרשת תולדות, און איך האב דארט געזעהן א ווארט וואס האט מיך געכאפט, און האט מיך געפירט אויפן וועג צו די ישועה. אויפן פסוק (בראשית כה כא): "ויעתר יצחק לה' לנכח אשתו כי עקרה הוא ויעתר לו ה' ותהר רבקה אשתו", ערקלערט רש"י: "זה עומד בזוית זו ומתפלל, וזו עומדת בזוית זו ומתפללת".

שטייט דארט אין 'דברי ישראל' אזוי: "מען קען זאגן אז אין אמת'ן האט רבקה נישט געדאוונט, נאר זי איז געשטאנען און צוגעהערט די תפלה פון יצחק, און האט געענטפערט אמן, וויל אזוי זאגן דאך חז"ל (ברכות נג ב): 'גדול העונה אמן יותר מן המברך'..." און דער ענין איז מרומז אין פסוק... די ראשי תיבות: '**א**שתו **כ**י **ע**קרה' איז בגימטריא אמן, ד.מ. אז יצחק האט געדאוונט און זי איז געשטאנען אקעגן אים און געענטפערט 'אמן', אזוי זאל השי"ת טוהן".

ווען איך האב דאס געזעהן בין איך זיך שטארק נתעורר געווארן און געטראכט אין הארצן אז פאר אונז איז יעצט געשיקט געווארן א וואונק פון הימל אז אין זכות פון זיך מחזק זיין אין ענטפערן אמן וועלן מיר אויך געהאלפן ווערן. וויל נישט אומזיסט איז מרומז ענטפערן אמן דווקא אין דעם ענין פון רבקה'ס ישועה, און נישט אומזיסט האט דער 'דברי ישראל' געשריבן זיינע ווערטער אין דעם ענין.

געטראכט און געטוהן. מיר האבן זיך אונטערגענומען צו פארמערן ענטפערן אמן; אין שטוב האבן מיר געזאגט יעדע ברכה אויפן קול און געענטפערט אמן איינער אויפן אנדערן, און אין שוהל האב איך געהערט ברכות השחר פון עטליכע מענטשן, און אויך מיין פרוי האט געטוהן אסאך השתדלות אין דעם ענין.

מיינע חברים וועלכע האבן געזען מיין השתדלות אין ענטפערן אמן האבן מיך געהאלפן קענען איינהאלטן מיין קבלה, זיי האבן פאר מיר געזאגט זייערע ברכות, און פון דאס עצם אנטיילנעמען האב איך געהאט גרויס חיזוק.

מיט סייעתא דשמיא, עלף יאר זינט אונזער חתונה, און עלף חדשים נאכדעם וואס איך האב אנגעהויבן זיך מחזק זיין אין די מצוה פון ענטפערן אמן, האבן מיר זוכה געווען צו ארומנעמען א צווילינג למזל טוב, א יונגל מיט א מיידל, דער אויבערשטער זאל העלפן ווייטער.

ביי די רירנדע מעמד פון די ברית, דערנאך וואס איך האב געשילדערט די השתלשלות הדברים, האט איינער פון די באטייליגטע צוגעשטעלט צו מיינע ווערטער די באקאנטע ווערטער פונעם רמב"ן אין פרשת וירא, אויפן פסוק (בראשית יח יג): "למה זה צחקה שרה אף אמנם אלד ואני זקנתי", דארט (פס' טו) ערקלערט דער רמב"ן אז די טענה פון הקב"ה אויף שרה איז געווען, אז זי האט געדארפט זאגן "אמן כן יעשה ה'", אויף די רייד פונעם מלאך (פס' י): "שוב אשוב אליך כעת חיה והנה בן לשרה אשתך". זעהט מען אז אויך דא ווערט דערמאנט אין תורה דער ענין פון ענטפערן אמן ביי געהאלפן ווערן מיט קינדער.

איך האב אפגעשריבן די ווערטער אויף א פאפיר, צו זאגן אז איך בין נישט קיין כפוי טובה פאר השי"ת וואס איז הגומל חסדים טובים שגמלני כל טוב, און מען זאל וויסן די גרויסע מעלה פון ענטפערן אמן.

**בברכת גמר חתימה טובה**
**ברוב כבוד**
**י. ג. - חיפה**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא

## בעל ה'סולם'

### י' תשרי תשט"ו



דער בעל ה'סולם' זצ"ל

רבי יהודה לייב אשלג, בעל פירוש ה'סולם' אויפן זוה"ק, איז געבוירן ה' תשרי תרמ"ה צו זיין פאטער רבי שמחה אין דער שטאט לוקאוו אין פוילן. שוין פון קינדווייז אן האט זיך אנגעזעהן זיין התמדה, שארפקייט און טיפע מחשבה. ווען ער איז אלט געווארן נײַנצן יאר, האט ער שוין געהאט סמיכה צו זיין א רב, און האט געדינט אלס א פוסק און א דיין איןווארשא.

אין זיין יוגנט האט ער זיך געוויקט אונטערן שאטן פון האדמו"ר רבי מאיר שלום פון קאלאשין, און נאך זיין פטירה איז ער געפארן צו זיין זון רבי יהושע אשר פון פאריסאוו, אין וועמען ער האט געזען זיין הויפט רבי. די יסודות פון תורת הקבלה האט ער געלערנט ביי א צדיק נסתר נאר בערך דריי חדשים, ביז צו די פטירה פון דעם צדיק, ווי ער שילדערט אין א בריוו וואס ער האט געשיקט צו זיין פעטער: "מורי הקדוש האט פרנסה פון גרויסע ביזנעס און איז געווען באקאנט אין די גאנצע שטאט אלס א באגלייבטער סוחר, אבער פון זיין חכמת הקבלה האט קיינער נישט געוואוסט ביזן היינטיגן טאג, און ער האט מיר נישט געגעבן רשות צו אנטפלעקן זיין נאמען".

אין יאר תרפ"ב, ווען ער איז אלט געווען זעקס און דרייסיג יאר, איז ער ארויף קיין ארץ ישראל און האט זיך באזעצט אין דעם אידישן קווארטל אין אלט-שטאט. אין אנהויב האט ער זיך באהאלטן, אבער זייער שנעל האבן די ירושלימער אידן דערשמעקט זיין גרויסקייט און עס האבן זיך צוזאמגענומען תלמידים ארום אים. ער האט געלערנט מיט זיינע תלמידים יעדן נאכט פון איינס א זייגער נאך חצות ביז פארטאג'ס, שפעטער איז ער אריבער וואוינען אין די גבעת שאול געגענט אין ירושלים, און פון דארטן קיין גבעת רוקח אין בני ברק און אין תל אביב.

נאכן מחבר זיין פארשידענע ספרים אויף חכמת הקבלה, האט ער אנגעהויבן שרייבן זיין ברייטע פירוש אויפן זהר, וואס ער האט עס אנגערופן 'הסולם'. אין יום כיפור תשט"ו, זייענדיג ניין און זעכציג יאר, האט ער צוריקגעגעבן זיין נשמה צום אויבערשטן אין זיין שטוב אין תל אביב, און איז באערדיגט געווארן אויפן הר המנוחות אין ירושלים.

## א ברכה וואס ווערט געזאגט געהעריג

פאלגנד איז א קורצער מאמר פון ספר הזהר (פר' עקב רעיא מהימנא א) מיט די פירוש הסולם:

דער לשון הזהר: "כד סלקין אינון ברכאן מתתא, לית פתחא ופתחא לעילא, ולית ממונא לעילא, דלא פתח כל אינון פתחין, ומכרזי ואמרי בכל אינון רקיעין: דא איהו דורונא דמלכא דשדר פלוני, דא הוא דורונא בקיומא כדקא יאות. ומאן איהו, ברכה דאתיבו עליה אמן, דכל ברכה דאתיבו עליה אמן דא איהו בקיומא כדקא יאות".

### דער פירוש הסולם:

ווען די ברכות קומען ארויף פון אונטן, איז נישטא קיין טיר אויבן, און עס איז נישטא קיין ממונה אויבן וואס עפנט נישט די אלע די טירן, און מען טוהט אויסרופן און זאגן אין אלע הימלען: דאס איז א מתנה פארן קעניג וואס דער און דער האט געשיקט, דאס איז א מתנה ווי עס דארף צו זיין, און וואס מיינט א ברכה ווי עס דארף צו זיין? א ברכה וואס איז געענטפערט געווארן אויף דעם אמן. ווייל יעדע ברכה וואס מען ענטפערט דערויף אמן איז דאס א געהעריגע ברכה.